**גאווערנער קעטי האקול** **איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/11/2024

**גאווערנער האקול אנאנסירט פעדעראלע הילף פאר איינוואוינער און ביזנעסער אין סטיובען קאונטי באטראפן דורך טראפישע שטורעם 'דעבי' אום אוגוסט 8-10, 2024**

***הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פון פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע יעצט צו באקומען פאר היים אייגנטימער, איינוואוינער און ביזנעסער אין סטיובען און דערנעבנדע קאונטיס אלעגאני, טשימאַנג, ליווינגסטאן, אָנטאַריאו, סקיילער און יעיטס***

***סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און קאונטי רעגירונג באאמטע האבן דורכגעפירט ערשטיגע שאדן אפשאצונגען נאך די שטורעמעס אין באטראפענע געגנטער כדי צו העלפן פארשאפן פעדעראלע הילף***

*הלוואה אפליקאציעס פארעפנטליכט אנליין*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פעדעראלע הילף איז דא צו באקומען פאר ניו יארקער אין סטיובען קאונטי און אין די דערנעבנדע קאונטיס אלעגאני, טשימאַנג, ליווינגסטאן, אָנטאַריאו, סקיילער און יעיטס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטערס פארבינדן מיט טראפישע שטורעם 'דעבי' צווישן 8 און 10, 2024. בארעכטיגטע היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעסער קענען יעצט אפלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration, SBA) כדי זיי ארויסצוהעלפן זיך ערהוילן פון שטורעמעס וואס האבן פאראורזאכט באדייטנדע שאדנס צו הייזער און ביזנעסער.

"עס קומט נישט אז ניו יארקער און זייערע ביזנעסער זאלן דארפן אליין טראגן די לאסט פון די שטורעם ערהוילונג, און די הלוואות וועלן גיין א לאנגע וועג ביים העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן זיך צוריק צו אויפבויען בעסער און שטערקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן געארבעט פלייסיג צו צושטעלן הילפס-מיטלען אין די געגנטער וואס זענען באטראפן געווארן דורך טראפישע שטורעם 'דעבי', און א דאנק אונזערע פעדעראלע שותפים, קענען אייגנטימער פון קליינע ביזנעסער יעצט אפלייען פאר הילף זיך צוריק צו אויפבויען און זיך ערהוילן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (** **New York State Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "די שטורעם האט פאראורזאכט באדייטנדע שאדן אין די קאמיוניטיס, און מענטשן דארפן מאכן קריטישע פאררעכטונגען און ערזעצן חרוב'ע פערזענליכע פארמעגנס אזוי ווי זיי ערהוילן זיך. א דאנק גאווערנער האקול און די שותפות מיט די SBA, וועלן מיר יעצט קענען אפפערן פארלייכטערונג פאר איינוואוינער און קליינע ביזנעסער."

נאך די שטורעמעס האבן די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) און קאונטי רעגירונג בעאמטע דורכגעפירט ערשטיגע שאדן אפשאצונגען אין באטראפענע געגנטער צו העלפן ארויסבאקומען די SBA הלוואות. די הלוואות קענען זיין בייהילפיג פאר בארעכטיגטע מענטשן/קערפערשאפטן וואס נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף זיך צו ערהוילן נאכפאלגנדיג וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס.

**סארטן קאטאסטראפע הלוואות**
די פאלגנדע קאטאסטראפע הלוואות זענען דא צו באקומען:

- ביזנעס פיזישע קאטאסטראפע הלוואות: הלוואות פאר ביזנעסער צו פאררעכטן אדער ערזעצן פארמעגן אין אייגנטום פון די ביזנעס וואס איז געשעדיגט געווארן דורך די קאטאסטראפע, ארייננרעכענענדיג ריעל עסטעיט, סחורות וואס דארפן פארקויפט ווערן, סופלייס, מאשינעריי און עקוויפמענט. ביזנעסער פון יעדע מאס זענען בארעכטיגט. פריוואטע, נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס ווי וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס, קירכעס, פריוואטע אוניווערסיטעטן א.ד.ג. זענען אויך בארעכטיגט.
- עקאנאמישע שאדן קאטאסטראפע הלוואות (Economic Injury Disaster Loans, EIDL): הלוואות פאר אנגייענדע ביזנעס אפעראציעס וואס העלפן קליינע ביזנעסער, קליינע אגריקולטורישע קאאפעראטיוון, קליינע ביזנעסער וועלכע ארבעטן אין האדעווען פיש און רוב פריוואטע, נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס פון אלע מאסן צו נאכקומען זייערע געווענטליכע און נויטיגע פינאנציעלע פליכטן וואס זיי קענען נישט נאכקומען אלס א דירעקטע רעזולטאט פון די קאטאסטראפע.
- היים קאטאסטראפע הלוואות: הלוואות פאר היים אייגנטימער אדער טענאנטס צו פאררעכטן אדער ערזעצן ריעל עסטעיט און פערזענליך פארמעגנס וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך די קאטאסטראפע, ארייננרעכענענדיג קארן.

ניו יארקער קענען טרעפן נאך אינפארמאציע, דאַונלאָודען אפליקאציעס און אפלייען אנליין דא. זיי קענען אויך רופן די SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף 800-659-2955 אדער שיקן אן אימעיל צו disastercustomerservice@sba.gov. לאקאציעס פאר פערזענליכע הילף און אפליקאציעס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 711 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר שאדנס צו פיזישע פארמעגנס איז דעצעמבער 9, 2024.
די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר עקאנאמישע שאדן איז יולי 10, 2025.

**קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטערן**
די SBA שטעלט אויף א קאטאסטראפע הלוואה הילף צענטער (Disaster Loan Outreach Center) צו העלפן ניו יארקער וואס קומען פערזענליך אראפ צו די צענטער צו אפלייען פאר הילף — די אפענע שעות וועלן זיך אנהויבן דינסטאג, אקטאבער 15, 11:00 פארמיטאג ביז מיטוואך, אקטאבער 30, 4:00 נאכמיטאג.

**First Presbyterian Church**: 10 Main Street, Canisteo, NY 14823

- עפנט זיך דינסטאג, אקטאבער 15, 11:00 פארמיטאג
- אפענע שעות
  - מאנטאג ביז פרייטאג: 9:00 אינדערפרי ביז 6:00 אוונט
    - שבת: 10:00 פארמיטאג ביז 2:00 נאכמיטאג
    - זונטאג: פארמאכט

**איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (DHSES)**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט @NYSDHSES אויף Facebook, X, Instagram און LinkedIn און באזוכט www.dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן